**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/28/2025 | **גאווערנער KATHY HOCHUL**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) מעלדט ביטע פאר פארשלאגן צו טראנספארמירן אומבאנוצטע העלל'ס קיטשען ארט נאנט צו אינטערפיד מוזעאום צו א וויבראנטע געמישטע-באנוץ דיוועלאפמענט**

***50,584 קוואדראט פוס סטעיט-אייגענטום לאט שלאגט פאר אייגנארטיגע געלעגנהייט צו אדרעסירן וואוינונג געברויכן און פארבעסערן געגענט לעבעדיקייט***

***טייל פון גאווערנאר Hochul (האקול'ס) קלארע וויזיע צו אדרעסירן ניו יארק סטעיט'ס וואוינונג קריזיס דורכ'ן נוצן עקזעקיוטיוו מאכט -ארייננגערעכנט אינציאטיוו צו איבערמאכן סטעיט געאייגנטע ערטער פאר האוזינג***

ביטע ***פאר פארשלאגן צו באקומען [דא](), דעדליין אריין צו געבן מאי 15, 2025 אום 2 P.M. ET***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א ביטע פאר פארשלאגן פאר די ווידער אנטוויקלונג פון 621 West 45th Street, א סטעיט אייגענטום לאט אין די העלל'ס קיטשען געגענט פון מאנהאטען. די ארט, באנוצט אלץ א אויפן גאס פארקינג לאט, שפאנט בערך 50,584 קוואדראט פוס לענגאויס די מזרח בלאק פראנט פון Twelfth Avenue צווישן West 45th און West 46th Streets. די פראיעקט שטעלט פאר א געלעגנהייט צו טראנספארמירן איינס פון די גרעסטע אומאנטוויקעלטע לאטס איוף מאנהאטען'ס פאר וועסט סייד צו א וויבראנטע האב פון וואוינונג און געמישטע-באנוץ דיוועלאפמענט, אדרעסירענדיג די קריטישע געברויך פאר צוגענגליכע וואוינונג אין די געגענט. אפליקאנטן קענען נאכקוקן די ביטע פאר פארשלאגן דאקומענט [דא]() און אריין געבן א פארשלאג צו עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) ביז מאי 15, 2025 אום 2:00 P.M. E.T

"די וועסט סייד פון מאנהאטען האט א געשיכטעט היסטאריע אלץ א וויבראנטע, אריינגעמענדיגע געמיינדע, און איך בין פארפליכטעט צו פארשטערקערן דעם לעגאסי דורך בויען פאר א מער צוגענגליכע צוקונפט," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "דורך טראנספארמירן די אומבאנוצטע סטעיט-אייגענטום פראפערטי אין א דינאמישע געמישטע-באנוץ דיוועלאפמענט מיט א סיגניפישע צוגענגליכע וואוינונג באשטייגנדעל, אונז צילן די נידעריג וואוינונג סופליי אין א הויכע-פארלאנג געגענט און בויען א שטערקערע געמיינדע פאר איינוואוינער אין העלל'ס קיטשען און ווייטער."

**עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "דעס איז אן אויסערגעווענטליכע געלעגנהייט צו טראנספארמירן א סטעיט-אייגענטום פארמעגן צו א בליענדע וואוינונג און געמישטע-באנוץ דיוועלאפמענט וועלכע קומט נאך די געברויכן פון ניו יארקער ווען פארבעסערענדיג די לעבעדיקייט און פארשידענארטיגקייט פון די העלל'ס קיטשען געגענט. דורך איבערמאכן דעם אומבאנוצטע ארט, אונז קענען צושטעלן צוגענגליכע וואוינונג, מאכן באצויבערנדע פובליק ערטער און קאטאליזירן עקאנאמישע וואוקס אין איינס פון מאנהאטען'ס מערסט דינאמישע

געמיינדעס. אונז קוקן ארויס צו איבערגיין אינאווירענדע פארשלאגן וועלכע וועלן ברענגן דעם וויזיע צום ווירקליכקייט און מאכן אן אנהאלטענדע, פאזיטיווע ווירקונג אויף די געמיינדע."

**ניו יארק סטעיט וואוינונגען און געמיינדעגע באנייונג (Homes and Community Renewal) קאמיסיאנער RuthAnne Visnauskas (רוטעננע וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול'ס) 2025 בודשעט מאכט היסטארישע וועגן אריין אין אונזער שטופ צו מאכן ניו יארק מער צוגענגליך און האט אריינגענומען א פארשלאג צו בויען ביז 15,000 נייע וואוינונגען אויף סטעיט-איינגענטום לאנד. די מעלדונג איז א שטייפע ביישפיל פון דעם צוזאג אין קראפט. די לאנג אומבאנוצטע און צובאכענע ארט לענגאויס th Avenue12 אויף מאנהאטען'ס פאר וועסט סייד איז אדיאל פאר פאר אריינעמענדע געמישטע-באנוץ אנטוויקלונג, און ספיציעל צוגענגליכע וואוינונגען, וועלכע וועלן פאראנקערן, פארשידענארטיגען און סטאביליזירן די געגענט פון העלל'ס קיטשען, עס מאכענדיג פאר מער פוחן א דעסטינאציע ווי עס איז שוין - עס וועט זיין היים פאר פולע."

די לאט שטעלט פאר אן אייגענע געלעגנהייט צו אדרעסירן ניו יארק'ס וואוינונג קריזיס דורך אינאווירענדע ווידעראנטוויקלונג. פריער גענוצט אלץ או אויפן גאס פארקינג לאט שטיצענדיג די אינטרעפיד וואסער לופט און ספעיס מוזעאום, די ארט נעמט אויף א פראמינענטע לאקאציע אין מאנהאטן'ס העלל'ס קיטשען געגענט, נעבען די האדסאן טייך וואסערפראנט. מיט איר נאנטקייט צו האדסאן טייך פארק, טראנספארטאציע האבס און וויבראנטע לאקאלע אמעניטיס, די ווידעראנטוויקלונג פון דעם אומבאנוצטע לאט וועט דינען אלץ א גרינטשטיין פאר אריינעמענדיגע וואוקס, צושטעלענדיג שטארק-געדארפטע צוגענגליכע וואוינונג, האדעווענדיג געמישטע-באנוץ אנטוויקלונג און פארבעסערענדיג די קוואליטעט פון לעבן פאר יעצטיגע און צוקונפטיגע איינוואוינער.

די ביטע פאר פארשלאגן (Request for Proposals, RFP) שטעלט אויס שליסל אנטוויקלונג אביעקטיוון דיזיינד צו מאקסימירן די ארט'ס פאטענציאל און פארזיכערן א טראנספארמירענדע ווירקונג אויף די געמיינדע. זיי רעכענען אריין:

- א מינימום פון 25 פראצענט אויפן-ארט צוגענגליכע וואוינונג איינהייטן, צוגעבענדיג צו אריינעמענדיגע און צוגענגליכע לעבן געלעגנהייטן אין די געגענט.
- א געמיש פון וואוינונג און קאמערציאלע ערטער וועלכע שפיגלט אפ די געגענט'ס געברויכן און כאראקטער, צושטעלענדיג אמעניטיס און סערוויסעס צו שטיצן איינוואוינער און אויפלעבן די גאס- לאנדשאפט
- אריינברענגען געמיינדע ערטער צו האדעווען א געפיל פון געהערן און געזעלשאפט אינטעראקציע צווישן איינוואוינער און באזוכער
- אנהאלטן די אינטערפיד מוזעום'ס פארקינג און פוסגייער בריק צוטריט רעכטן, פארזיכערנדיג גלאטע איינגלידערונג מיט עקזיסטירענדע קולטורישע און פארווייליגנג פארמעגן
- בויען פארעם און פאסאדען אנטוויקלט צו שאפן א בליענדע און פארשידענארטיגע גאס-לאנדשאפט, פארבעסערנדיג די אפטישע אטראקטיוויטעט און שפאצירבארקייט פון די געגענט

**רעפריזענטאטיוו Jerry Nadler (דשערי נאדלער) האט געזאגט,** "עס איז נישט קיין געהיימעניש אז ניו יארקער זענען אויסגעשטעלט צו א וואוינונג קריזיס, און די טראנספארמאציע פון א סטעיט-אייגענטום אוין גאס פארקינג לאט אויף th Avenue12 אריבער די גאס פון די אינטערפיד צו א געמיש פון וואוינונג און קאמערציאלע אנטוויקלונג מיט כאטש 25% צוגענגליך איז א געווינס פארן גאנצע שטאט.די העלל'ס קיטשען פראפערטי איז איינס פון די גרעסטע אומאנטוויקעלטע לאטס אויף די פאר וועסט סייד און איר טראנספארמאציע וועט שאפן א וויברירענדע געמישטע-באנוץ דיוועלאפמענט, ווען אויך פארזיכערענדיג

אז די אינטערעפיד האלט אן איר געדארפטע פארקינג און צוטריט פאר זיי און די געמיינדע צו די האדסאן טייך פארק מיט פוסגייער בריק צוטריט."

**סטעיט סענאטאר Brad Hoylman-Sigal (בריעד הוילמאן-סיגאל) האט געזאגט,** "איך בין פריילעך צו זעהן מער צוגענגליכע וואוינונגען קומט צו די וועסט סייד פון מאנהאטען. די פלאן געמאלדן דורך גאווערנער Hochul (האקול) און עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט וועט טראנספארמירן איבער 50,000 קוואדראט פוס פון א סטעיט פארקינג לאט צו מייע צוגענגליכע און מארקעט ראטע וואוינונגען, אזוי אויך אמעניטיס און שטיצע סערוויסעס פאר די געגענט. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט קאמיוניטי בארד 4 (Community Board 4) און עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט דורכאויס די פראצעס צו העלפן ברענגן דעם פראיעקט צוחם ווירקליכקייט."

**אסעמבלימעמבער Linda B. Rosenthal (לינדא ב. ראזענטאל) האט געזאגט,** "וואס די וועלט דארף יעצט איז אסאך מער וואוינונגען. צווישען דאנאלד טראמפ'ס פארבאטענדע אייזען טעריף'ס און קאטאסטראפישע פייערונגען און שניידונגען ביים HUD , די פעדעראלע רעגירונג מאכט עס גאר שווער צו בויען הייזער דורכאויס א נאציאנאלע צוגענגליכקייט קריזיס. דעס איז פארוואס איז בין פריילעך צו באגריסן פלענער פאר א נייע וואוינונג געביידע אין מיין אסעמבלי דיסטריקט - איינס וועלכע טוט אנבאטן שטארק-געדארפטע צוגענגליכע וואוינונג און קאמערציאלע וואוקס אויף די פאר וועסט סייד פון מאנהאטען. אבער, אונז קענען זיך נישט אפשטעלן דא, איך טוה פארזעצן צו שטיפן די גאווערנער צו אידענטיפיצירן און פארצייכענען פאטענציאלע אומבאנוצטע אדער ליידיגע לאנד פאר וואוינונג געלעגענהייטן איבער די סטעיט."

**קאונסיל מעמבער Erik Bottcher (עריק באטשער) האט געזאגט,** "עס איז באגייסטערנד צו זעהן נאך מער צוגענגליכע וואוינונג ווערן פארגעשלאגען אין אונזער געמיינדע. גאווערנער Hochul (האקול) און עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט'ס איניציאטיוו וועט טראנספארמירן אן אויפן גאס פארקינג לאט צו גאר שטארק געדארפטע וואוינונגען, צוזאמען מיט נויטיגע סערוויסעס און געמיינדע רעסארסן. איך בין געשפאנט צו ארבעטן מיט קאמיוניטי בארד 4 און עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט צו שטיצן דעם פראיעקט און העלפן עס ברענגן צו פארענדיגונג."

**מאנהאטען קאמיוניטי בארד 4 פארזיצער Jessica Chait (דשעסיקא טשעיט) האט געזאגט,**
"מאנהאטען קאמיוניטי בארד 4'ס צוגענגליכע וואוינונג פלאן איז געווען די פאן טרעגער פון נוצן אומאנטוויקלט און אומבאנוצטע סיטי - און סטעיט-אייגענטום לאנד אלץ איינס פוחן די מערסט עפעקטיווע וועגן צו שאפן די וואוינונגען ניו יארקער דארפן גאר שטארק, און אונז זענען גאר פריילעך אז די גאווערנער האט אנגעוויזן עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט צו פאראויסגיין אויף פראיעקטן ווי דעם. אונז קוקן ארויס צו ארבעטן מיט ESD און איר מיטארבעטער צו אנטוויקלן א פראיעקט וועלכע פראדוצירט עכטע היימען און געמיינדע בענעפיטן ווען אויך רעספעקטירענדיג די היסטארישע געגענט פון העלל'ס קיטשען."

**פאראויס ריקן גאווערנער Hochul'ס (האקול) גרונטליכע וואוינונג אגענדע**
די פראיעקט בויט אויף די גאווערנאר'ס קלארע וויזיע צו פארברייטערן די סטעיט'ס וואוינונג סופליי דורך אינאווירענדע מאסנאמען, א שטייגער ווי די [פרא-וואוינונג געמיינדעס פראגראם ( Pro-Housing Communities Program)] און [עקזעקיוטיוו ארדער 30], וועלכע טוהן פראמאטירן צוימונג-ברעכענדע לעזונגען צו טרייבן שטארק-געדארפטע אנטוויקלונג. אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2025 אוועקגעשטעלטע בודשעט, האט די גאווערנער פארזיכערט לאנדמארק אפמאכן וועלכע נעמען אריין נייע שטייער באלוינען פאר אפסטעיט געמיינדעס, געצילטע פארלייכטערונג צו שאפן מער וואוינונגען אין ניו יארק סיטי, און א 500 מיליאן דאלאר קאפיטאל פאנד צו אנטוויקלן ביז 15,000 נייע היימען אויף סטעיט-געאייגנטע פראפערטי. נאך 600 מיליאן דאלאר אין איבערן סטעיט פינאנצירונג און נייע באשיצונגען פאר

דינגער און היים אייגענטומער טוהן אינטערשטרייכן די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו צוגענגליכקייט און אייניגקייט.

די באמיהונגען בויען אויף די גאווערנער'ס פיסקאלע יאר 2023 פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע וואוינונג פלאן געצילט צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימען איבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר אויסגעשטעלטע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 55,000 הייזער זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט. די פיסקאלע יאר 2025 אוועקגעשטעלטע בודשעט האט אויך פארשטערקערט די פרא-וואוינונג געמיינדע פראגראם, מאכענדיג פרא וואוינונג סערטיפיקאציע א פארלאנג פאר מוניציפאליטעטן צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין וואלונטירישע פינאנצירונג. ביז יעצט, זענען מער ווי 275 קאמיוניטיס געווארן סערטיפירט, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי - אפשפיגעלענדיג א וואקסענדע פארפליכטונג איבערן סטעיט צו אדרעסירן ניו יארק'ס קריטישע וואוינונג באדערפענישן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן